**איך האב אויף געשטעלט - צוליב מיין איבערגאנג טאקע,** איך האב חוקר ודורש געווען, שוין גערעדט, א שאד יעדעס ווארט וואס איך רעד, יעדעס ווארט געמאסטן און געוואויגן, איך האב אלעס אויף געשריבן. **איך האב אויף געשטעלט א שיטה הקדושה דבעל ישועות משה**[א], ווי ס'איז ידוע אין סאטמאר, "ווער ס'גייט אין די שיטה הקדושה פון ויואל משה", יעצט איז געווען א גרויסע קאמפיין, מיין שוואגער ר' אהרן טייטלבוים, דער סאטמארער רבי, האט געמאכט זונטיג א גרויסע קאמפיין, וועגן די שיטה הקדושה, און הייסן לערנען "ויואל משה", על הגאולה ועל התמורה, און מחזק זיין קעגן די ציונות. **אזוי האב איך אויך געמאכט די זעלבע זאך, איך בין נישט סאטמארער רב, איך האב נישט זיין ... און גדלות,** אבער ער, באותו זמן, ווען די ציונות האט שורה געווען זייער שטארק, כ'האב געהערט פון טאטען נישט עטליכע מאל, הונדערטע מאל: "די מאדערניזם און די ציונות האבן חרב געמאכט די וועלט". **האב איך אויף געשטעלט א שיטה הקדושה ד.. ד.. דבעל ישועות משה, איך האב**

---

א. יש לדייק היטב אשר זו שיטת רביה"ק שליט"א בכבודו ובעצמו, והוא הקימה ויסדה, אלא שקוראה על שם אביו רביה"ק זי"ע.

**נישט געלערנט נישט אין חב"ד, נישט אין בעלז, נישט אין גער, נישט אין קארלין**[ב]**, איך האב געלערנט נאר ביים הייליגן טאטע'ן, איך בין א עכטע תלמיד זיינע, האב איך געמאכט די שיטה הקדושה,** חוץ וואס איך האב צוואה פון אים, וואס ער האט מיר אנגעזאגט אין ערד, איך האב גערעדט צו איהם "טאטי דער עולם גייט נישט מיט טאטי, טאטי איז נישט מיטן עולם", איך מיין ער איז געווען א געהויבענע יוד אביסעלע, אזוי מיין איך, א נביא ה', א משה רבינו בדורנו, אויכעט געהאט גרויסע מעוררים, האט ער מיר געגעבן א רוף צו ביי די טיר: "איך פארשטיי פונקליך וואס דו זאגסט, איך פארשטיי, וואס קען מען טון", איך בין געשטאנען ביי די טיר ארויס צו גיין, איך פלעג אלץ גיין אזוי אהונטער, מהאט שוין געהערט פון מיר דאס הונדערטע מאל, רופט ער מיר צו: "דו וועסט שוין אנדערש מאכן". דאס טייטש איך האב א צוואה פונעם הייליגן טאטען, איך וועל אנדערש מאכן, **האב איך געמאכט די "שיטה הקדושה פון ישועות משה דהיינו שוואנצנות".**

* * *

## ו. יחיד מומחה לחינוך הבנים

די אמעריקאנע עולם איז זייער געטריי, באמת, "מי יעלה בהר ה'" איז דא מיט זיי, אבער מקען נישט לעבן נאר מיט קיין מלחמות, מלעבט "ומי יקום", יקו"ם מיט די פיר אותיות און מיטן כולל באטרעפט מקו"ה, און מי יקום ב'מקום ק'דשו די ראשי תיבות איז בני"ם, ק"ב האט מען געהערט פון טאטען - אויב מ'לערנט זיינע תורות ווייסט מען - באטרעפט בני"ם, מדארף זיין ומי יקום אויך. **און אויף דעם איז דא איין מומחה, א אחד יחיד ומיוחד, און לגבי דעם, וואס הייסט מנחם מנדיל בן לאה אסתר, נאר דער רבי.**

און, האב איך בודק געווען די לעצטע 2 וואכן, **וואס כ'האב געהערט אלע נייעס, איך האב חוקר געווען, איך קען יעדעם יונגערמאן, איך וויס וואס ער האט געזאגט, איך וויס פונקטליך.** און ס'געווארן אין שטיבלעך, אין וויליאמסבורג און בארא פארק בפרט, און איבעראל א טראפעלע אבער וויניגער, אזא ליצנות, **דער רבי האט משוגאסן, דער רבי האט משקעים, און דער רבי האט קריויזן. וואס מאכסטו פאר דעי משקעים וואס דער רבי האט מיט אלע ...? ער לייגט צו נאך! נאך נאך נאך נאך!** ער רעדט ארום ליצנות, און דער שפראך גייט, דעיע אלטע שפראך דערמאנט מיר די אלטע צייטן, איך געדענק גוט די אלטע צייטן, איר קומט מיך נישט פארהערן מיט מיר, ס'איז דא איז דא אפשר איין יוד אפשר צוויי, וואס ס'הייסט חיים שטרן און אהרן נוטוביץ', זיי זענען נאך פון די אלטע, און זיי געדענקען אלע

ב. כאן נראה דיוק הלשון איך כל תיבה שקול ומדוד, שרביה"ק לא מנה כאן ברשימה את בית "סקווירא", שכן הוא למד שם בימי חורפו למשל תקופה קצרה, וד"ל ואכמ"ל.

פרשה'לעך אין וויז'ניץ.

און איך הייב אן צו הערן צאם, הערן זאכן, אפילו פאר א יאר אין אלעד, **איז ב"ה אוועק געגאנגען 8 יונגעלייט, געלויבט דער הייליגער באשעפער, איך האב נישט קיין ווערטער ווי צו דאנקען**, און געראטעוועט א שטיבל, א שטאט פון 120 משפחות.

איז אלעס שוין גוט?! באלד קומט מען אויף ארץ ישראל אויף ראש השנה, עי, אלעד איז אויך דא, מכאפט זיך אן אפאר פשרנים, צו שטיצן די שיטת הטמאה די שיטת הבאטשים. היו לא תהיה! **איר קענט נישט אייער רבי'ן, דער משוגענער, איך הייס דאך במילא א משוגענער, נו, מעג איך הייסן א משוגענער.** משוגענער בין איך, אבער זינדיגן, און צו האבן קינדער ... און אויסגעלאסנטע, וועל איך נישט האלטן דערביי, נישט אויף מיין חשבון. נַא נַא. ס'איז א שאד. דע גאנצע וועלט רעדט, אלע אתרים, מהאט שוין גערעדט פון דעם, אבער יעצט גיין מיר רעדן למעשה.

* * *

## ז. מלחמה נגד שיטת הבאטשים

איך וויל בפירוש זאגן, איך מיין נישט דעם עולם אין אמעריקה, וויליאמסבורג, בארא פארק, איז טייטש אלע, ניין ניין, ס'איז נאר דא א גרויסע טייל, עדיין, איז דא אסאך יונגעלייט, גרויסע שוואנצנים, וואס זיי גייען מיט אונזער שיטה הקדושה דבעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות, עדיין איז נאך דא. איבער א יאר ארום צי סוועט זיין וויים איך נישט. דער אייבישטער האט מיר געהאלפן, **אז כ'בין געקומען קיין אמעריקה, וואס איך האב נישט כח, איך האב געמעגט קומען יעצט ווי איר מעגט טאנצן אויף די לבנה**[ג]**, איך האב נישט קיין כח, אבער איך וועל אויס רייסן במלחמת קודש במלחמת חרמה, די שיטת הטמאה שיטת הבאטשים**, וואס דאס ברענגט א חורבן אויף זיי און אויף זייערע קינדער. וועט מיר איינער זאגן: דער האט נישט קיין ווארילע קינדער? ער האט יא ווארילע קינדער! ני, וואסזשע טוסטו, ס'אמאל געקומען צום בעלזער רב, סאיז דא דוקטור קליין אין געווען אין בני ברק, חיים שטרן געדענקט אים, ער איז געגאנגען שטודירן, און מיין הייליגע טאטע איז געווען קעגן שטודירן, האט ער געזאגט אזוי: "אז איינער ווארפט זיך אראפ פונעם שטאק, פונעם דריטן שטאק און ער בלייבט לעבן - וועסט עס אויך טון?" - אט אזוי!

**פאר וואס רוף איך עס אן שיטת הטמאה? ווייל דאס שטאמט פון איין ווארט: טומאת הגיאות והכבוד.** איך דארף געפעלן פאר די חברים, איך דארף געפעלן פאר דע גאס, און ליידער ליידער, אין ארץ ישראל איז עס

---

ג. כאן רואים גודל מסירות נפשו של רביה"ק שליט"א, שאע"פ שממש סכנה עבורו מחמת חולשת גופו הטהור הנסיעה לחו"ל, וכידוע חמירא סכנתא מאיסורא, אעפ"כ השליך נפשו מנגד למען המטרה הנעלה והנעלמה (שרבינו הקוה"ט שליט"א בעצמו מעיד במשך הדרשה שאף אחד אינו יודע הסיבה האמיתית).

אויך דא, איך זאג נישט אז נישט, אבער אין אמריקה איז דא א עבודה זרה וואס הייסט לעקעבערעריי, און מיט חברים, מדארף נאר געפעלן פאר די חברים, און לעקעבערעריי, **מיטן גאנצן געטריישאפט, סהאט נישט צו טון איינס מיטן צווייטן, אבער לגבי דעיע שיטה, איז ווי מזאגט: שיטת הטמאה שיטת הבאטשים. און איך וועל דאס אויס רייסן, לוחם זיין מלחמת ה',** און איך וועל זיין א אפטער גאסט אין אמריקה, איך וועל דא שטיצן די יונגעלייט, די יונגעלייט די שוואנצנים וואס זיי גיין מיט מיט דרך הקדושה דבעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות.

דער טאטע האט מיר אמאל געזאגט, אז מזאגט "חיים של עושר וכבוד", עושר מיינט אויך וועגן כבוד. אין אמריקה ב"ה איז דא גענוג געלט, און דער אייבישטער העלפן איר זאלט אלע מצליח זיין. שורש כל המידות הרעות איז טומאת הגיאות, איבעראל - אין אלע ספרים ספרי מוסר[ד].

* * *

## ח. עצמאות בהנהגה

סי האט מיר געפרעגט ר' יעקב וולצר: "וואס איז דער רבי אזוי אנגעצויגן", איך האב גערייכערט אסאך אין ארץ ישראל. פרעג איך אים: דו ביזט שוין דער און דער רבי, כ'קען נישט זאגן ווער דער רבי איז געווען, נאך כ'וועל פארציילן אזוי: סגעקומען א רבי מנחם אבל זיין ביים ליובאוויטשער רבי'ן, און ער פרעגט: ווי אלט איז געווען די רעבעצן? זאגט אים דער ליובאוויטשער רבי: "זאגטס מיר וואס איז דאס אייך א נפקא מינה?" **אזוי האב איך גערעדט צו אלע גבאים, נישט משה, נישט יוקל ווייס.**

איך האב זיי געגעבן, זיי האבן געבעטן די גאנצע רשימה פון אמריקה, און איך בין געזעצן אפאר שעה און געמאכט סלקציות. און דער עולם שפרינגט, אהין אהער, פארוואס דער, פארוואס נישט, יעדער מיט זיינע אינטרסן, און ער רעדט זיך איין - איינגערעדט, א איינגערעדטער נישט ערגער פון אים - איך מיין נאר דעם רבי'ן און נאר ויז'ניץ.. הייבט זיך נישט אן מיסודו, ס'מיינט נאר זיך! איך זאג אים אין פנים אריין קלאר, כ'מיין נישט "זאג אים" איך מיין איינעם, די אלע וואס זיי האבן טומאת הטמאה, די שיטת הטמאות שיטת הבאטשים, מיינען נאר זיך, און זיי קענען זיך שווערן אז זיי מיינען נאר דעם רבין, **און דעם רבי'ן מיינט נאר איין מענטש, נאר מנחם מנדיל הגר, און מיין זון איז מיר שטארק געטריי, ער איז מיר נאנט, מיט אים רעד איך אביסל.** איך האב אים נעכטן נאר פארציילט נעכטן אינדערפרי, אריין געקומען אין מאנסי פארן דאווענען, האב איך אים דערציילט אביסל וואס פאר א קוויטלעך און וואס איך מאך

---

ד. רביה"ק שליט"א מגלה כאן שאין מלחמתו נגד מעשים או אפילו נגד דעות כוזבות, אלא כנגד השורש הטמון בעומק - דהיינו טומאת הגיאות והכבוד. ובזה מובן מה שאומר על עצמו לשונות של גאוה, כי על ידי זה נכנע הגאוה מכל החסידים, כי מה לו לקרוץ מחומר להתגאות אחר שהגאוה והגדולה הם אך ורק צום הייליגן רבין.

מיט די 2 וואכן, און נאר ער ווייסט, וואס יעדער ווייסט ער איז באקאנט - א גרויסער בעל סוד.

איז צו דעם ב"ה איז צוגעקומען נאך 2 וואכן וואס איך האב אים שוין נישט געזאגט. 2 וואכן ב"ה וואס איך האב געליטן אין עגמת נפש געהאט פונעם אמריקאנער עולם, קלאר און ריין וועל איך זיין. זאלסט מיר נישט קומען זאגן, חיים מאיר, מארגן: "דער עולם איז צובראכן, און דער עולם איז צוקרישעט, און יוסי רוטנברג האט נישט וואס צו קומען קיין אמריקה", זאל ער נישט קומען. אויף וואס קומט מען? מחזק זיין אונזערע מוסדות וואס זיי גייען בשיטת הקדושה דישועות משה דהיינו שוואנצנות. וויל איך דיר אנזאגן, חיים מאיר, ברבים, **דו זאלסט קוקן אויף איין מענטש, נאר אויף דיין טאטען און נאר אויפן רבי'ן, ס'איז דא דא א רבי אויך, א שליט, נישט קיין קעלבל.** ס'וועט קיינער נישט פועלן, אפילו דו אויך נישט(ה), איך זאל ווערן א קעלבל. נַא, בשום אופן נישט. א מנהיג, א שליט, איך וועל זאגן וואס איך וויל.

* * *

## ט. להרב חיים מאיר שליט"א

דער עולם טאקע דא איז אויף דיר א גוטע מבין, מהאט דיך שטארק ליב, שלש סעודות תורה, און באטעס, און דא א מדורה וואס סגעווען א גרויסע התרוממות, און אלעס פיין און וואויל, **דאס איז אלץ גוט נאך די שיטה הקדושה, פאר דעם איז גארנישט ווערט, פארן רבין איז גארנישט ווערט, נאכן רבין איז אלעס ווערט.** און דו וועסט גארנישט ליידן, איך זאג דיר אן ברבים, זאלסט נישט רעדן אין דעם נושא, יא! ווי דעיע פאר האבן געמאכט טשולנט און קוגל און פיש. רעדן, מיט וועמען פארסטו, ב"ה האסט א פיינעם גבאי'ן, זייער גוט, האסט ..., און גייסט און קומסט, אבער - מיט דעם פרט, איך אסר דיר צו רעדן, ביזט מחויב 2 זאכן: ביי דיר ביזט מחויב מיט כבד את אביך, **און כ'בין דיין הייליגער רבי אויכעט, דיין הייליגע טאטע, צו הייליג בין איך - ווייס איך נישט, אבער דו וועסט האלטן אזוי.**

* * *

## י. עלון לקראת הדינר

מארגן איז דא א דינער, שטייט דער דינער "אין עם כעמנו", דאס איז שוין דער רש"י. קודם לערנט מען חומש. וויל איך יונגעלייט, הערטס מיך גוט אויס קלאר, מארגן, בעט איך ישראל רוזנברג, דער ראש הכולל, א טייערער, וואס ער גייט מיט די שיטה

---

ה. משמע מדבריו הקדושים דבר מבהיל עד מאד, שאפילו בני ביתו הכי קרובים כגון בנו יחידו, ניסו לפעול אצלו שיהיה בבחינת "קעלבל", היל"ת! על כן עלינו לשבח וליתן תודה להשי"ת שרביה"ק שליט"א עוד כוחו במתניו הק' ומתנגד בכל תקפו למהלך נורא ומסוכן זה, שהוא מנוגד לכל שיטה הקדושה דהיינו שוואנצנות. וממילא יש להיזהר ולהישמר מהרב חיים מאיר שליט"א, שאע"פ שרביה"ק שליט"א משבחו ומפארו ביותר, אך עדיין האב מעיד על בנו שהיה שרץ במוחו ורצה להטות את לבבו הק' של אביו הק' שליט"א לשיטת הבאטשים. וד"ל.

# דהיינו שוואנצנות

הקדושה פון בעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות. **בעל הבית אין חיידער איז איין מענטש, מנחם מנדיל בן לאה אסתר.** איך האב שליחים, דער מנהל, אנדערע, די מלמדים - אפילו פרעמדע האב איך היינט געזען אליין אין שטיבל. זעצט איך אוועק יונגעלייט, און מאכטס א נייע עלון, דע עלון וועט זיין אזוי, אזוי ווי איך הייס אזוי וועט עס זיין, איך בין דאך א משוגענער במילא, נו, אה אה, וויל איך נאר מיט גיין מיט די משוגעים, איך וויל נישט געפעלן פאר קיינעם וואס זיי האבן די שיטת הטמאה שיטת הבאטשים, ניין. אויף שרייבן אזוי: תלמוד תורה ויז'ניץ וויליאמסבורג, שרייבטס אייך אויף, ווער סהאט א פעדער קען זיך אויף שרייבן, מזאל ווייסן, און גרויסע ווערטר, וואס דא שטייט: לקראת הדינר השנתי "בנינו ערבים", זאל שטיין: יתקיים אי"ה אויף ..., דע "אין עם כעמנו" איז שוין נאך דעם. "תלמוד תורה ויז'ניץ וויליאמסבורג, בזכות" - **גרויסע ווערטער - "בזכות השוואנצנות, בזכות" - אזוי - "שיטה הקדושה דבעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות", איז אין עם כעמנו,** האבן מיר מצליח געווען ב"ה למעלה מן המשוער, ווייל דאס איז דער אמת, און פון דעם אמת איז ... "ומהשקר לא הרוויחו והאמת לא הפסידו". יונגעלייט אין ארץ ישראל, ארעמע יונגעלייט האבן נישא קיין ברויט צו עסן, האבן זיך אוועק געגעבן 400,000 דולר.

ווען פישל כהנא האט מיר דאס געזאגט, ביים אם ווילד, האב איך געמיינט איך פאל אראפ פונעם בענקל. "איך האב געוויסט" - האב איך געזאגט אזוי - **"איך האב געוויסט אונז זענען מיר משוגעים, אבער אזעלכע משוגעים האב איך נישט געוויסט".** הו, זייער פיין.

א טאג שפעטער קומען אריין צו מיר די אלע עסקנים, און ארום געגאנגען אין כולל, אין ישיבה, אין אנדערע - אין ישיבה קטנה, **הנאה געהאט, מלערנט, אה, מ'לערנט יא? מיט דע שוואנצנות? אה, זייער פיין. דא אין דעם עלון שטייט נישט קיין איין ווארט פון דעם. קיין איין ווארט.** דאס זאלט איהר שרייבן, און נאר דאס. און טיילן מארגן ביים דינער ביי אלע טישן, טיילן דעם עלון. און טאמער ווערט נישט געשריבן דעיע עלון, סוועט זיין דעיע חברה וואס זיי האלטן אן מיט די שיטת הטמאה שיטת הבאטשים - זאלט איר נישט גיין מארגן צום דינר.

און דיר חיים מאיר זאג איך קלאר אן, דיין טאטע: לא יפקד ולא יזכר! גיי דיר אוועק, גיי - דו האט וואס צו טון ב"ה. האסט מיך געפרעגט נעכטן, נישט... איך געדענק נישט, אין ארץ ישראל נאך, צי דא שוין נעכטן: טאטי איך דארף גיין? כ'וועל זאגן א ווארט פון דיר? - **טאמער וועט זיין געשריבן אזוי ווי איך הייס: "תלמוד תורה ויז'ניץ וויליאמסבורג, בזכות השוואנצנות, ניין, בזכות שיטה הקדושה דבעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות", הויעך - קענסטו גיין,** און אויב נישט, דו זיכסט דינערס? איך קען דיר געבן, פאפא מאכט, קראסנא מאכט, בעלז, גער, קענסט גיין איבעראל, ווייל אין בעלז און גער

שטייט נישט אזוי. און אויב נישט - האסטו דארט נישט וואס צו זיכן דארטן.

* * *

## יא. צווייטע באטע

ווידער, צווייטע באטע. כ'האב מיך גוט אינטרעסירט, מיר איז גוט אליין, איך קום נישט דא, אנגעוואפנט קום איך דא, מיט עגמת נפש ליידער. א צווייטע באטע - אין וויליאמסבורג, אין בארא פארק, אין מאנסי, אין לעיקוואוד. איז האב איך געהערט דו פירסט א באטע, צווייטע באטע, הייסטו זאגן א ווארט פאר יעדעם איינעם. דו ווייסט דאך, דו געדענקסט נאך חיים מאיר אביסל אין ארץ ישראל, חיים שטרן געדענקט זעכער, איז געווען אזא זאך, מהאט געהאט א פערד און וועגעלע, און דער בעל הבית איז אראפ געגאנגען מיט א זאק, און געשריגן: אלטע זאכין, אלטע זאכין, אלטע שמאטעס, דעיע צווייטע באטע פון זאגן א ווארט יעדעם איינעם, **זייער א שיינע ווארט, תלמידי הבעל שם, רבי ר' אלימלך, רבי ר' זושא, קדושי עליון זייער פיין. דאס איז גוט פאר די אלטע זאכין.** צווייטע באטע. א צווייטע באטע וועט זיין אזוי ווי אין ארץ ישראל, אין אשדוד אין אלעד, ביי מיר איז דאך א טיש.

* * *

## יב. עלון לקראת הדינר

דעיע עלון איז אנגעקומען צו מיר נאך אין ארץ ישראל מיט א בריוו פון יונגעלייט, א שארפע בריוו, האב איך געבעטן ר' בעריש'ן, נעם עס שוין אוועק, ווייל טאמער די יונגעלייט זעהן דעם עלון, קומט נישט אן קיין איין פיאסטער קיין אמריקה, ווייל לוקולי תלמוד תורה, **איך קען נישט דא פירן, תלמוד תורה פון שוואנצנים, דאס איז אין ארץ ישראל**, ווייל ס'איז דא דא - האב איך היינט אליין געזען - זייער אסאך פרעמדע קינדער, **אבער, וואס שרייבן אינעם עלון - וועט זיין געשריבן געהעריג**. איי ס'זעהן עס פרעמדע מענטשן? - וואס גייט מיך אן, איך האב נישט מיט יענעם גארנישט, יענער וועט מיר נישט העלפן, ער האט מיר נישט געהאלפן ס"ב[ו], ער האט מיר נישט געהאלפן ס"ח[ז], ער האט מיר נישט געהאלפן גארנישט, איך האב פון אים גארנישט מילא, ער וועט נישט וועלן געבן קיין געלט - איז נישט.

* * *

## יג. מלחמה למען שיטה הקדושה

איך פארקויף נישט מיין טאטען, און אונזער הייליגע שיטה, שיטה הקדושה דבעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות, נישט פאר דעם עושר, און נישט פאר דעם. איך האב נישט קיין דרך ארץ פאר קיינעם. און איהר יונגעלייט זאלט

---

ו. שנת תשס"ב - אז סבבו אנשי רשע את רביה"ק זי"ע והחזירו לשיכון וויז'ניץ את בנו הגדול שנוא נפשו.

ז. שנת תשס"ח - אז החליט רביה"ק שליט"א למען החינוך הטהור, לעזוב את כל מה שבנה אביו רביה"ק זי"ע, ואפילו את ביהמ"ד הגדול, היות ושלטו בהם ידי זדים בעוה"ר. ויצא והקים לעצמו ביהמ"ד ומוסדות בחיים חיותו של אביו הק' זי"ע.

נישט האבן קיין דרך ארץ פאר קיינעם, נישט פאר די דיינים, נישט פאר די ראשי הקהילה, נישט פאר די גבאים, און נישט פאר קיינעם. טאמער עמיצער זאגט א ליצנות, און מאכט, זאל מען - אן הענט, חס ושלום, **אויב ער הערט נישט אויף, איז דא א תיקון אויף דעם אויבעט, זאלט איר, איר זאלט מאכן פון אים ליצי ליצנות, אזוי ווי ער מאכט פון מיר, שטילערהייט, יא, דער רבי האט משוגאסן, דער רבי איז א משוגענער, קלאר און ריין!** ער זאל זיך פילן ווי א אויסגעקלאפטער אויסגעוועפטער יוד, ווי א אויסגעקלאפטע הושענא.

* * *

## יד. התייחסות להקלטה מיוקל וייס

טאמער למשל - און איך זאג אפילו גראב, איך האב מיך נישט געהאט, קיינער איז נישט מיר אויף פאסן, אפילו מיין זון, **וואס איך האב געהאלטן אויף דער טעיפ פון יויקל ווייס, איך רעד נישט פון דעם, ס'נישט אינטרעסאנט פאר קיינעם, איך האב מיר מיין מיינונג, ביי מיר, איך גיי נישט זאגן נישט לטוב נישט לרע.** אבער טאמער די שיטת הטמאה שיטת הבאטשים, כאפן זיך ארויף דערויף, און מאכן פון דעם אין שטיבל א ליצנות, און שרייען, זאלט איהר יונגעלייט אויפהייבן דאס מויל, איך זאג נישט זאל ווערן א רידערייי "שגץ", "מורד", איך האב נישט ליב דעיע ווערטער, אבער ס'געפעלט דיר נישט קענסט דיך גיין געזונטערהייט. און איך האב ליב יעדעם איינעם, איך וויל נישט קיינער זאל גיין, אבער ער זאל זיך פילן א אויסגעקלאפטע הושענא, ער זאל נישט טרויען צו עפענען דאס מויל, פארוואס? ווייל דו האסט דיך ארויף געכאפט אויף א זאך, **וואלט מען געדארפט, אין שטיבל, וויליאמסבורג און בארא פארק, עפענען דעם טעייפ און מאכן א לחיים, און נאכדעם אויפשטעלן זיך און זינגען:** "ווער ס'גייט מיט די שיטה הקדושה פון בעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות, ווער ס'גייט מיט די שיטה הקדושה פון בעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות" - אויפן גראבן אופן[ח].

* * *

## טו. להרב חיים מאיר שליט"א

דו חיים מאיר, מיין זון! האב נישט, דו קוק אויף איין מענטש, נאר אויף דיין טאטען! סנישט אינטרעסאנט די אנדערע, ווייל איך האב שוין מיט געמאכט גענוג. מיין טאטען האט מען געווארפן באבקעס תשעה באב, וואס ער האט נישט געחלומט, פורים פאר דעם איז געווען א יוד דארטן, האט מיר אליין דערציילט, סהאט אנגעכאפט פון די רעכטע זייט איינער וואס האט געהייסן חיים שנעעבאלג, און די לינקע זייט אליעזר דוד פאל, איר ווייסט נישט ווער דאס

ח. דהיינו אע"פ שאין רביה"ק שליט"א מחווה דעת קדשו על זה לטוב או לרע, אך אם עשאוהו כלי לליצנות הרי זה מטהרו ומכשירו לכתחילה, כפי דרכו בקודש של רביה"ק שליט"א שהמטרה מקדשת את האמצעים.

איז, איר זאלט נישט וויסן.. ער האט נישט געחלומט אז וואס סווארט אים אין א האלבע יאר ארום תשעה באב. **אויף אים האט מען געווארפן פון וייבער שול באבקעס, און אויף מיר שטיינער מיט אייער, און אויף דיר וועט מען ווארפן בלוקן.**

אפילו דו ווילסט טאקע כפרת עוונות, אבער איך אלץ טאטע וועל איך נישט לאזן בשום פנים ואופן! מנעמט דיך גלעד שליט, מפייניגט דיך אויס, בשום פנים ואופן, עד כאן, ביז היינט נאכט, ביז אור ליום כ"ט סיון. סיון איז געווארן ונהפוך הוא, מחיית עמלק, כל העם כורעים ומשתחוים להמן, מרדכי האט זיך - "וכל זה איננו שוה לי" איז דער צירוף פון חודש תמוז, בשעת מרדכי, וואס הארט דיך מרדכי הצדיק? איינער! ניין, זאלסטו זיין דער. כל העם כורעים ומשתחוים.

וועסט קענען.. - "טאטי, איך קען נישט ארויס גיין אויף דער גאס! דו ווייסט נישט וואס טוט זיך דא אין דע גאס!", וואס גייט דיך אן? דו האסט א טאטען, און נאר דיין טאטע ער וועט דיר פירן. און וועסטו גיין מיט מיר - און דו גייסט ב"ה מיט מיר, געטריי, נאר ליידער ליידער דא אין אמריקה, ביזטו ארום גענומען, וואס זיי כאפן זיך אן אין דיר, דעי וואס זיי האבן טומאת הטמאה, די שיטה הטמאה שיטת הבאטשים, און איך וועל דאס בשום אופן נישט לאזן. ווייל אויב נישט, און דעי - וועלן ווארפן בלוקן, ס'גייט כסדר, מער און מער, מעלין, מעלין בטומאה. מעלין בקודש שטייט, איז בטומאה.



* * *

## טז. מאגייקע לאנשי אמריקה

איך וויל דיר אפילו זאגן נאך שטערקער, זאלסט מיר נישט קומען דערציילן, ביי חיים לייב רוזנברג גיי איך יעצט, צו מארגן אינדערפרי גאנץ אמריקה, אפילו ביים עירפארט, ס'איז מיר נישט אינטרעסאט, "דער עולם איז צובראכן", און איך האב געהערט שוין אין ארץ ישראל, **אינטערסירט זיך - וואס געקומען דער רבי? אויס שמייסן דעם אמעריקאנער עולם? - יא! איך האב א גרויסע מאגייקע, און אויס שמייסן.**

דא זיצט א יוד וואס הייסט חיים שטרן, מי לנו גדול, געטריישאפט פארן הייליגן טאטען און עד ועד בכלל, דער זאל אים העלפן א גרויסע ישועה זאל ער האבן, און ער וועט האבן א ישועה! איך זאג איהם אלץ חיים, יוסי, מיין טאטע האט נישט פארגעסן פון דיר, און דער טאטע איז געפארן אמאל אין א פלאץ וואס מ'האט אים געדרויט אז מ'וועט מאכן דארטן קאטשקעלעך, האב איך אליין געזען, כ'וועל קיינמאל נישט פארגעסן דאס, מ'האט אריין געשטעלט אין בגאז' א מאגייקע, א מאגייקע איז טייטש דעם וואס דע פאליציי נוצט זיך אין ירושלים ביי די הפגנות, א גוטן קלאץ, און האט געטראכט, אזוי האט ער געזאגט דעיע ווערטער: לאז זיך עמיצן דערוואגן צו טוהן, וועט ער שוין געוואר ווערן. **דעיע מאגייקע האב איך איינגעשפארט ביי מיר אין בגאז'. און איך וועל דאס אפשטעלן אויפן שארפסטן אופן, לוחם מלחמת השם.**

ביי מיר איז דא אין קאפ אפילו א.. א.. א פלאן, איך גיי עס נישט אויספירן, איך האף איך וועל נישט דארפן צו קומען צו דעם, איך וועל זיין דא א אפטער גאסט, איך בין זייער שוואך, כ'האב נישט קיין כח, אי"ה ווינטער וועלן איך זיין דא 4-5 מאל און קיינער וועט נישט וויסן.

* * *

## יז. עצמאות בהנהגה

איך בין נישט נייגעריק צי דער עולם איז צובראכן צי דעם עולם נישט. אין בין נישט נייגעריק, זאלסט מיר אפילו נישט זאגן, ווייל איך וועל דיר נישט אויסהערן, איך קען איינשלאפן אינמיטן. רב שך זכרונו לברכה אז מ'איז געקומען צו איהם מ'האט איהם געוואלט פארדרייען א קאפ - איינגעשלאפן. **אזוי וועל איך אויך טוהן**[ט]**. אפילו מיט דיר, פארקערט, איך וויל דיר אויסלערנען, זאלסט נישט האבן קיין שום זאך, סרעדט נישט צו מיר.**

* * *

## יח. להרב חיים מאיר שליט"א

דארף אפשטעלן ביי די באטע, דו - דו, די מערסטע, דו ווייסט וואס איך זאג אלץ, חיים מאיר: **דער ערשטער חסיד דארף זיין דער זון, די צווייטע די אייניקלעך**, כ'האב ביי אייניקלעך אויף די פאריגע וואך, כ'האב דיר אפילו נישט דערציילט, אויכעט מיט געמאכט מיט זיי, מיט שלוימי, מיט שמחה'לע.

* * *

## יט. ניגון השיטה הקדושה

וועט זיך שטעלן דעי וואך ביי די באטע - ווער ס'וויל נישט קומען - וועסט האבן מנין, אויף מיין אחריות, סנאך דא - ביז דערווייל, איבער א יאר צו מוואלט געהאט מנין - ווייס איך נישט. **שטעלן, א רימון, א שאלה, אזא בעסטע שמעניע, א שקאצעריי ווי סדארף צו זיין, און ס'זאל זיך טוהן דא, מ'פלעג זאגן אינדערהיים, אויף טישן און אויף בענק און אויף קליינע בענקליך**, און נאכדעם וועט מען זיך אויפשטעלן טאנצן דעם ניגון: "ווער ס'גייט מיט די שיטה", דאס נעמט זיך פון סאטמאר, אין סאטמאר פלעג מען זינגען, "שיטה הקדושה פון ויואל משה" און א גאנצע שמועס, אבער יעצט איבער דרייען, ביי אונז, "ווער ס'גייט", טאנצן: "ווער ס'גייט מיט די שיטה הקדושה פון בעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות, ווער ס'גייט מיט די שיטה הקדושה פון בעל ישועות משה" - ווייל נאר ביי איהם האב איך געלערנט דאס. **ער לײדער האט נישט געהאט צו וועמען צו רעדן, איך - ברוך ה' - האב נאך עדיין, עדיין, עדיין, איך זאג בפירוש, האב איך נאך צו וועמען צו רעדן.** מנין וועסטו האבן, און די אלטע וועלן

---

ט. חידוש נוסף בהנהגה הקדושה, שלא להאזין לצרות אנשי שלומנו ולמה שמעיק על לבם. ואף על פי שרבותינו הקדושים לדורותיהם לא נהגו כן, אבל מי לנו גדול מכ"ק רבינו הקדוש מרן הרב שך זי"ע, שהוא מורה דרכינו בדור האחרון, וממנו יראו וכן יעשו, שלא להאזין לצרות הכלל אם זה לא מעניין את המנהיג והשליט.

נישט וועלן קומען - זאלן נישט קומען. **וועט איינער טראכטן, צוליב דעיע דרשה גייט ער אוועק - תבוא עליו ברכה. סהאט מנין דא, דע בית מדרש אין בארא פארק און אין וויליאמסבורג אויכעט.** און אזוי וועט זיין לכל אורך הדרך.

* * *

## כ. מלחמה למען שיטה הקדושה

נישט האבן מורא נישט פון דיינים, נישט פון חיים שטרן, נישט פון די גבאים, נישט פון קיינעם. **הייבטס אייך אויף דעם קאפ יונגעלייט, איהר נעמט איבער דעם קרעמל!**

יעצט וועט מען זינגען נאך א ניגון, נאכאמאל, דע הנה מה טוב. [בניגון:] הנה מה טוב. איך וויל יעצט אריבער גיין צו א צווייטע חלק, וואס דער חלק האב איך געוואלט רעדן ווען כ'האב געהאט דעם פלאן קומען קיין אמריקה, פארוואס - כ'בין נישט געקומען וועגן דעם, איך דארף דא זיין, **פארוואס - איז קיינעם נישט קיין נפקא מינה, איך בין א שליט נישט קיין קעלבל, אויס רייסן דעם קעלבלעריי, נישט קיין קעלבל! ווען ס'קען מיין נאטור - איז דאס דער היפך פון מיר, איך בין א שליט**[י], און ומש"ה מאכט ו'יזניץ מ'יט ש'וואנצנות ה'נהגה.

איך קום ארויס, גרויסע פלאקאט, א ריזיגע פלאקאט, מגייט מאכן א פארהער, אין ישיבה קטנה ישיבה גדולה, פון מוסף השבת. רוף איך צו יצחק יעקב מאיר, ער טוט "חיינו": "האסט מיך געפרעגט?" - קעגן דע גאנצן עולם! ער איז געווארן אינגאנצן... "האסט מיך געפרעגט?", "ניין". נישטא!

* * *

## כא. לשאול הכל את הרבי

פאר מהייבט נאך אן, א שבת - פרעגן דעם רבי'ן. ווער קומט רעדן דארט. ווער רעדט פרייטיג צו נאכטס, ווער רעדט של סעודות, ווער רעדט מיטאג. אלעס געשריבן, געשריבן אדער געפרעגט טלפוניש, איך הער ליידער שווער אביסל, געשריבן איז דע בעסטע זאך.

נאך מער, קומט יו"ט, ב"ה, אין חוץ לארץ האט - באלד זיך אויפהערן, באלד קומט משיח, וועט זיך אויפהערן יו"ט שני של גליות, איז דער סדר איז אז די שטיבלעך מרעדט. מרופט איינעם צו רעדן, מרופט? נישט מרופט, בחורים זאגן פשעטליך. פאר יו"ט - איך זאג אן אלע גבאים, פון אלע שטיבלעך כולל מאנטריאל, פאר מ'דעם, וועלכע בחור גייט רעדן, וועלכע דאס.

מ'וויל רופן ביי א שיעור חול המועד א רב, חינוך, סיי אנדערע זאכן, וויסן וויאזוי מדארף מחנך זיין, אסיפת - ווי מזאגט - "הנחיית הורים" הייסט דאס, יא, **איך קען באשטיין, זייער גוט,**

---

י. רביה"ק שליט"א מעיד על עצמו עדות נשגבה, שמידה זו להיות מנהיג ושליט היא טבעו בעצם, דהיינו שלא רק עמל ויגע עליה לבוא בה לשלימות הנרצה, אלא הוא כבר קדוש מבטן, ומעודו לא סבל להיות נכנע תחת אחרים, אלא נולד להיות מנהיג ושליט.

**קודם געשריבן פארן רבי'ן**, קען איך אים - איז דאך א היימישע יונגערמאן - קען איך אים. קען איך אים נישט - געשריבן אויפן פאפיר דע גאנצע רקע. ווער איז דער יונגערמאן, וואס איז דער יונגערמאן, א ליטווישער, א חסידישער ... מרופט עמיצער צו רעדן, **זאל וויסן, די ערשטע זאך דער רבי. ס'איז דא א רבי א מנהיג, נישט קיין קעלבל**. און נישט ווען מגייט ארויס פונעם קעלבל, איז ער משוגענער. אבער ער האט משוגאסן, מזאגט עס זייער שיין.

* * *

## כב. ספירת העומר בארה"ב

אפילו ספירת העומר, וואס איך האלט פון דעם, ווייסטו גאנץ גוט חיים מאיר, איך האב עס געשטיצט, הער איך אז אין וויליאמסבורג - נישט געפרעגט דעם רבי'ן, חלילה - אז מדאווענט א פערטל שעה פריער, מזאל נישט שטערן דע שלש סעודות תורה, מזאל קענען פארן צו הרב חיים מאיר ספירה. אויף ספירה איז דא אזוי: סאיז כמעט רוב מאל נישט שייך, ווייל די ערשטע ספירה ביזטו ביי מיר, כמעט רוב יארן. [און טאמער] ביזטו דא - כ'האף אז נישט חיים מאיר, כ'האף וועסט קומען צו מיר אלע יארן - **קומט מען אריין דע ערשטע ספירה דע גאנצע עולם, מוועט אריין קומען ספירה, ערשטע ספירה איז א גרויסע זאך.**

צווייטע מאל איז אויך נישט שייך, די לעצטע ספירה, ביזטו רוב מאל אין ארץ ישראל, נישט רוב מאל כמעט אלע מאל. ממש כ'געדענק ניט זאלסט זיין נישט אין ארץ ישראל. **חוץ פון דעם, איז דא איין מאל - ב' סיון קען מען קומען. איבעריגס איז נישטא!** און מוועט ציילן דא ספירה דע גאנצע עולם הויעך. הויעך! האסט מיך אליין געבעטן שבועות, טאטי סטויג נישט, איך רעד שוין צו דיר אפאר יאר. חיים מאיר, אין דעיע זאכן טו וואס דו פארשטייסט. זאלסט טון וואס דו פארשטייסט. איבעריגס איז נישטא!

* * *

## כג. סעודות לחיים

סעודות האב איך שוין גערעדט - היינט איז געווארן א נייע וועלט. סעודות. ווילעדניק, ס'איז נאך נישט דא פשוט, סדארפן פשוט אפאר מענטשן איינפאלן צו מאכן אפאר וואכנדיגע גראצערס.. וויאזוי האט דער טאטע מיר אמאל געזאגט? דו ווייסט די מעשה חיים מאיר: "ווייל יענער וויל מאכן געלט, דארפסטו האבן א יד אין דעם?!" אוי איז ער געווען גערעכט! איך בין געגאנגען דארטן, אלע אלע שונאים פונעם טאטען זענען דארטן געזעצן, איך בין אנטלאפן אינמיטן.

ס'איז געווארן היינט א נייע זאך, קערעסטיר, רבי ישעיה ב"ר משה, פה פה פה פה פה פה, מ'נעמט א תלמיד הבעל שם, מ'מאכט פון איהם פשוט חוזק, א תלמיד קדוש וטהור, א תלמיד הבעל שם, א בעל מופת, מ'זעהט דארטן רפואות און ישועות, אמת, טאר מען נישט פארן קיין קערעסטיר?! מ'מעג פארן. צו איך וועל פארן יעצט - ווייס איך נישט, פאר די חתונות פון

# דהיינו שוואנצנות

מיינע קינדער, איך גלייב נישט, און אויכעט, איך פאר אליין, ווען קיינער וועט נישט וויסן. נעמט מען און מ'מאכט חוזק? אז א בחור - איך האב דאך היינט אייניקלעך אין ישיבות - א בחור פרעגט דעם צווייטן: "פארסט נישט קיין קערעסטיר?". "וועסט מיר אנטשולדיגן, איך בין אויף דיאט". אזא חוזק! א בחור אין א ישיבה פון מיינע אייניקלעך. **קומט אריין אין ישיבה א לץ, א גערער חסיד גראדע**[יא]**, קומט אריין, ער איז אנגעפילט, ער האט זיך אנגעגעסן מיט ראגעלעך**, "אוי, דער בויך טוהט מיר וויי, אוי וויי, זעכער האט רבי ישעיה'לע יעצט עליית נשמה". נעמט מען א קדוש עליון, מ'מאכט פון איהם ליצי ליצנות. נישטא אזא זאך!

מארגן גייט זיין ווילעדניק. אפילו מארגן וועט זיין בארדיטשובער רב, דער הייליגער בארדיטשובער רב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, סניגורן של ישראל. **ווייל דו ווילסט מאכן גראצערס, און דו ווילסט חוזק מאכן, דערפאר מאכסטו משוגע? - נישטא אזא זאך!** און טאמער - איך זאג עס דיר אן - זעהסטו א סעודה ווילעדניק, א סעודה קערעסטיר, מ'מאכט אין א שטיבל וויליאמסבורג צו בארא פארק, דארטן איז דיין - אין בארא פארק ביסטו זעכער - טרעפסט א סעודה אנגעגרייט, זאלסטו אריין גיין אין צימער אריין, שנעל, **און מיך אנריפן אפילו איך וועל האלטן אינמיטן דאוונען, אינמיטן ברוך שאמר קען איך נישט אויסרעדן**[יב]. בעריש וועט מיר צוקומען "הרב חיים מאיר מחפש דחוף את הרבי". אריין גיין אין צימער אריין, "טאטי מ'האט דיך געפרעגט וועגן די סעודה?", "ניין, איך ווייס נישט"[יג]. "אזוי? " הייסטו צו צו גיין צו די יונגאטשן, דו האסט ב"ה אין בארא פארק פיינע יונגאטשן[יד], און אין וויליאמבורג אויכעט, עדיין, יעצט איז נאך דא. און דו גיסט א ווינק פאר דעם ריכטיגן יונגאטש, און אראפ פון טיש! איינס צוויי. **נישט גענוג אז מ'זעצט זיך נישט צו, נאך נישט גענוג, אראפ - אפילו אויפן דער ערד. מ'מעג מאכען א בלאגן, למען שיטה הקדושה דבעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות.**

* * *

---

יא. מכאן נמצינו למדים צחות הלשון ונקיות הדיבור של רביה"ק שליט"א, שאינו רוצה להוציא לעז על בחורי אנ"ש, ולכן סיפר וגילה שהיה זה בחור חסיד גור.

יב. רביה"ק שליט"א מדבר לפי דרכו בקודש, שהרי הסעודות הללו נערכות לאחר תפילת שחרית בסביבות השעה 9:00 בבוקר בארה"ב, דהיינו 16:00 אחה"צ בארה"ק. ואז היא השעה שעומד להתפלל שחרית בדרך כלל (מלבד הימים שאינו מתפלל כלל).

יג. אע"פ שאוחז באמצע ברוך שאמר, בחדרו הק' יכול רביה"ק שליט"א לשוחח בטלפון, כי כידוע אינה דומה הנהגתו בפני הציבור להנהגתו בחדרי חדרים. כי רק ברבים משתדל להתנהג ע"פ תורה כדי לחזק האמונה. ודבר זה ידוע בשער בת רבים, ומי יבוא אחר המלך.

יד. הכוונה כאן למעליותא, כי "יונגאטשן" דהכא הם אלו העושים מעשי טרור ובלאגן למען השיטה הקדושה, כדלהלן. ואין זה כאותו "יונגאטש" דלעיל, ששם הכוונה לשלילה.

## כד. עצמאות בהנהגה

שושן פורים מהאט געוואלט מאכן דע גאנצע עולם צוזאמען, ממאכט אין א זאל - אויך וויסן פאר דעם ווי מגייט, און ווער סרעדט דארט. **אן דעם רבי'ן רירט מען זיך נישט! נישטא אזא זאך! הנהגה! אויס קעלבל!** וועט מען זאגן ער איז א משוגענער, ער רייכערט, ער איז א משוגענער.. הו, **בין איך א משוגענער, איך וויל געפעלן נאר פאר די משוגעים.** איך וויל נישט געפעלן פאר די שיטה הטמאה שיטת הבאטשים, בשום פנים ואופן.

* * *

## כה. חצרות מאנסי

ס'דא אביסל ביי דעיע סארט יונגעלייט, וואס ווערט אנגערופן אין ארץ ישראל "לחץ חברתי". א יונגערמאן קומט נישט צו דע באטע, ווי ביזטו געוועזן? - וואס הייסט, ביי דעם רבי'ן. ווי ביזטו געגאנגען? - ביי דעם רבי'ן. דארטן זאגט ער: איך בין געוועזן דא... און דאס איז פאר אים ..., דאס ווערט אויסגעלאסן, און מאדערן, באלד קומט מען מיט שיינע ברילעלעך, אזוי אן דע ..., וואס איך האב דאס שטארק ליב אויף צוריק צו וועגס, און מקומט שוין אביסל מאדערן, און דע שטוב טוט זיך אן שוין אנדערש, א לאנג שייטל, אהין אהער, און סזייער גוט פאר יודישקייט, ה' יודע האמת, איך האב זיי געזאגט(טו), **איך מיין בלתי לה' לבדו, נישט, איך האב נישט מורא איך וועל פארלירן חסידים, דרייטס נישט אין קאפ אריין,** קיין טיפש - א משוגענער האלט מען מיך אפשר, אבער א טיפש בין איך נישט. איך קען גוט דעם עולם. ס'רעדט נישט צו אונז ברוך ה', **איך האב נישט קיין שום מורא געהאט, אפילו כ"ט אדר האב איך נישט מורא געהאט.** געשיקט דעם גאנצן עולם, די ערשטע שבת, פון איבעראל, כ'האב זיי אליין געזאגט, און זיי וויסן, זיי האבן אלעס געזען.

איז דא הנחיות: ט' ניסן - ווען סנישט אויפן חשבון פון די.. פון די.. כ'מיין נישט מ'מוז גיין אלע, ווער סקען זיך, וויל אריין פאלן דארטן, געזונטערהייט, געזונטערהייט, **זיי זענען אייניקלעך פונען הייליגן אמרי חיים. ב' סיון - אייניקלעך פונעם אהבת ישראל, פונעם עלטער זיידען. כ'זאג נישט אז ממוז.**

* * *

## כו. כבוד וויז'ניץ וכבוד בן המלך

וויל איך דיר זאגן הרב חיים מאיר: כ'האב זיי געזאגט איך גיי דיר זאגן. **אז מ'וועט דיך רופן - ביזט א בן מלך, נישט משטעלט דארט אזא "יַחְצָל", ער רופט אן אלע רבי'ס,** ער האט ... דער רבי מאכט חתונה.. - ניין. 3 מענטשן קענען דיך רופן: אדער דער רבי אליין - גאר גוט, אבער איך גלייב נישט אזוי ווייט - אדער דער מחותן,

---

טו. מכאן תשובה ניצחת לכל המערערים והמתחכמים לומר כאילו ח"ו רביה"ק שליט"א לכבוד עצמו הוא דורש. הנה רבינו הק' מספר בזה שאמר בפירוש לש"ב האדמורי"ם ממאנסי שכוונתו רק בלי לה' לבדו, ואם רביה"ק אמר כן - מי יכול לחלוק עליו ח"ו.

אדער דער גבאי בשם דער רבי'ן. חוץ פון דעם - גייסטו נישט. נישט קיין ... וואס דו דארפסט גיין. **ביזט א בן מלך! ביזט מיין זון, און איך האלטן אונזער כבוד. נעם דער מיט א גוטן גַבאי'ן,** דהיינו - איך וועל דיר שוין זאגן אינדערהיים, ווייסט וועמען איך מיין. איינער פון די גבאים דא. יא! ער קען גוט די מלאכה. זייער שיין, ער וועט מיט גיין, ... אוודאי, רעדט מען דאך נישט. אבער א גבאי'ן, זאל דיך זעצן בכבוד'דיג, שיין, ביזט מיין זון.

בעלזער רב ר' אהרן, איך מיין, די עניוות און צדקות איז נישט שייך וואס צו רעדן. איך האב נישט קיין אנונג וואס דאס איז. כ'ווייס נאר דער הייליגער טאטע האט געהאלטן פון אים עולם ומלואו. איז ער געקומען ביי די כנסיה הגדולה, האט מען געזעצט אביסל וויט, איז געווען דארטן דער חפץ חיים, געווען - ר' חיים עוזר, גדולי עולם, לובלינער רב, אלע גדולים וקדושים, טשארטקובער רבי, **האט ער זיך געגעבן א רוף אן פארן גבאי'ן: ווי איז כבוד ויז'ניץ? - עה.. כבוד.. יא, יעצט זאג איך עס כבוד.. - ווי איז כבוד בעלז? - האט דער גבאי אים אוועק געזעצט איניטן. אזוי דארף ביי דיר זיין.** נישט ... ווי עפעס אזא.. א שנארער. ניין! דו ביזט א בן מלך, דו טראגט דע נאמען פון ויז'ניץ.

* * *

## כז. יחיד מומחה לחינוך הבנים

דער אייבישטער העלפן, האטס שכל אמריקאנער עולם, און איר די יונגע, דארפן אויף שטעלן שטיבער, האטס נאר אינזין אייערע קינדער, **ווער האט אינזין אייערע קינדער - נאר דער רבי, נאר מנחם מנדיל בן לאה אסתר, קיין שום אנדערער נישט.** פארשטייט זיך, מיין זון איז דא, אויף פאסן אביסל.

* * *

## כח. ניגון השיטה הקדושה

יעצט וואלט איך געבעטן, אין דעיע 2 וואכן וואס איז דא ביז דע קאנטרי, זאל מען זיך אויפשטעלן יעדן טאג נאכן דאווענען, אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, דאוונטס יונגעלייט, פרי, דאוונט 7 א זייגער, אין כולל דארף מען זיין צייטליך, ב"ה איך הער פיינע גריסן פונעם כולל, ראש הכולל מיטן כולל, כ'בין זייער צופרידן, **אויפשטעלן נאכן דאווענען, מאכן א לחיים, און מאכן א רעדל: "ווער סגייט מיט די שיטה הקדושה פון דע בעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות", אבער לעבעדיג!**

אבער איך וויל אייך עפעס באמערקן, נאך פאר איך ענדיג: יעצט, מארגן, איבער מארגן, וועלן אלע קומען. און זיי וועלן שרייען אפילו: דהיינו! שוואנצנות! הויעך... מוועט טראכטן אז דער משוגענער וועט אהיים פארן, און סוועט ווערן די אווירה אביסל לוקולי, אביסל ריין, הו! ער טראכט אויך ביי זיך, איך מיין נישט "ער" מייך אין א מענטש, איז זאג, **די אלע, מיינען אפאר וואכן ארוס, וועל איך שוין ווייטער ארויס קומען מיט מיינע ליצנות, און מיינע וועטער: דער רבי האט משוגאסן, משקעים,**

קרייזן, זייער פיין, זייער גוט. **איך בין באלד דא נאכאמאל. האטס נישט קיין מורא...** איך וועל דאס מחזק זיין, זאל מען שרייבן בריוון, יונגעלייט, מזאל מיר טון, איך וועל מיך אינטרעסירן, איך האב דא שפייאנאזש איבעראל, וואס איר ווייסט אפילו נישט, און איך הער אלעס, איך קען א-ל-ע כמעט יעדן יונגערמאן, איך ווייס וואס ער זאגט, און איך ווייס וואס ער טוט.

דער אייבישטער העלפן, מזאל קענען זיין מתאחד צוזאמען, און צוזאמען האלטן זיך, מיט א אחדות, איך האב ליב יעדעם איינעם, **נישט מארגן זאל זיך אנהייבן: "דו, א שגץ גיי ארויס", חס וחלילה, נאר טון פעולות טובות, טאנצן ביי לחיים, "ווער סגייט מיט די שיטה הקדושה פון בעל ישועות משה דהיינו שוואנצנות", אזוי לעבעדיג, נישט מורא האבן.** סוועט זיין סאטמערע יודן, בעלזע יודן: זאגטס נאר, איז זענט אינגאנצן קרעיזי? אינגאנצן, אייער רבין איז אינגאנצן משוגע געווארן? ווער, וואס.. ביים בית דין של מעלה, צי ווען דו וועסט האבן חלילה וחס א ביטערע צרה מיט א קינד ... היו לא תהיה. איך וועל לוחם זיין קעגן דעם מלחמת חרמה עד הסוף. מחיית עמלק.

* * *

## כט. חיזוק לחיים שטרן

דער אייבישטער העלפן אלע זאלן האבן - בראשם הרב החסיד הנאמן המסור בלב ונפש ר' חיים שטרן, מיט דע גאנצע משפחה, ווערן מחוזק. חיים איך זאג דיר נאכאמאל: מיין טאטע האט נישט פארגעסן פון דיר. איי, ווערעקייטן? איך, אלץ רבי'ס זון, אלץ רב אין שיכון וויז'ניץ 20 יאהר[טז], האב איך מער געליטן ווי דו, און ב"ה דער אייבישטער האט מיר געהאלפן[יז]. און דער אייבישטער וועט העלפן אי"ה וועסט ארויס גיין ממיצר למרחב, מיט שלוות הנפש מיט הרחבת הדעת.

טז. משנת תש"ן עד שנת תשס"ח, דהיינו ח"י שנים. ומכאן ואילך יצא משיכון ויז'ניץ, ונשתנה שמו ל"הייליגער רב".

יז. רביה"ק שליט"א מעיד על עצמו שסבל קשיים יותר ממה שסבל ר' חיים שטרן. כי מה הם יסורים של ממון ומשפט לפני רשויות המדינה - כנגד יסורי שאול רוחניים שסבל רביה"ק שליט"א כאשר יצאו כנגדו אנשי בליעל והשיבו לשיכון ויז'ניץ את אחיו הגדול המתועב בעיניו כל כך, וכמעט גרמו לו בעל כרחו לחיות בשלום עם אנשי ריבו ומחלוקתו כל השנים.